# שלח

א. אין פרשת שלח דערציילט די תורה ווי די מרגלים האָבן געזאָגט, — און מיט זייערע רייד אָנגעשראָקן די אידן — אַז מען וועט ניט קענען איינגעמען ארץ ישראל „כי עז העם היושב בארץ וגו'" (אַז שטאַרק איז דער פאָלק וואָס זיצט אין לאַנד), און דעריבער, האָבן זיי גע'טענה'ט, וועלן מיר ניט קענען אַרויפגיין צו מלחמה האַלטן מיטן פאָלק, „כי חזק הוא ממנו", און די חז"ל דערציילן[1] אַז די מרגלים האָבן געזאָגט, אַז די יושבי הארץ זיינען שטאַרקער ח"ו („ממנו" — פון אים) פון דעם אויבערשטן און „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם" (אַז דער „בעל הבית" קען ניט אַרויסציען זיינע כלים פון דאָרט).

אַלע סיפורים פון תורה זיינען דאָך אַ הוראה פאַר אונז אין אונזער עבודה בכל דור ודור, דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די הוראה פון דעם סיפור המרגלים. אמת טאַקע, אַז מען דאַרף אונז דערציילן דעם סיפור וועגן די מרגלים בכדי מיר זאָלן מתקן זיין די „בכי' לדורות"[2] וואָס איז אַרויסגעקומען פון זייערע טענות, צוליב דעם איז דאָך אָבער ניט נוגע צו וויסן די אַלע פרטים פון זייערע טענות און די פרטים פון דעם ענטפער וואָס מען האָט זיי געגעבן.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן עס די מרגלים מיט אַזוינע טענות געקענט אָנשרעקן די אידן און זיי איינריידן אַז „לא נוכל לעלות". אידן האָבן דאָך שוין דאַן געזען אַז דער אויבערשטער פירט זיי מיט נסים גלויים למעלה מן הטבע:

זייענדיק אין אַ מדבר „נחש שרף ועקרב" — און דער מדרש דערציילט[2] ווי מורא'דיק די נחשים שרפים ועקרבים זיינען געווען — האָבן די אידן כסדר געזען דעם נס למעלה מן הטבע ווי דער ארון[3] מיט די ענני כבוד[4] הרג'ענען אויס די נחשים כו'. אַזוי איז עס געווען ביים אויסהיטן די אידן פון רע, און אַזוי איז עס אויך געווען בנוגע דער השפעה פון טוב: טאָג טעגליך האָבן זיי געהאַט דעם מן, לחם מן השמים, צום עסן און מים פון בארה של מרים צום טרינקען, וואָס אין דעם אַלעמען זיינען דאָך געווען גאָר אַ סך אָפענע נסים שלמעלה מהטבע ווי ס'איז מבואר אין מדרשים.

דאָס איז בנוגע דער נסים'דיקער הנהגה מיט די אידן זייענדיק אין מדבר. אויך האָבן זיי געזען די איבערנאַטירלעכע נצחונות אין דער צייט פון מלחמה מיט אַן אַנדער פאָלק: ווען די מצריים זיינען אָנגעפאַלן אויף זיי, האָט דאַן דער אויבערשטער אַליין מלחמה געהאַלטן פאַר זיי און געשפאָלטן פאַר זיי דעם ים, וואָס קריעת ים סוף איז דאָך איינער פון די גרעסטע נסים, ביז אַז חז"ל באַנוצן אויף דעם דעם לשון[5] „קשה". און ביי די אַלע זאַכן האָבן די אידן ניט געדאַרפט

---

1) סוטה לה, א רש"נ.

2) תנחומא בשלח יח. יל"ש רמז רנה. וראה מכילתא בשלח טו, כב.

3) יל"ש רמז תשכט.

4) מכילתא בשלח יג, כא. ספרי בהעלותך י, לד. במדב"ר פ"א, ב. תנחומא בשלח ג. ועוד.

5) סוטה ב, א. וראה להלן הערה 23.

אנקומען צו אמונה נאר זיי האָבן דאָס אליין געזען מיט זייערע אויגן. האָבן זיי דאָך גערארפט פאַרשטיין, אַז פונקט ווי דער אויבערשטער האָט געטאָן מיט זיי נסים ביי דער מלחמה מיט מצרים, וועט ער אַזוי אויך מיט זיי טאָן נסים ביי דער מלחמה מיט כנען.

נאָך מער פלא איז, אַז אויך ווען כלב האָט זיך קעגנגעשטעלט און געענטפערט אויף די טענות פון די מרגלים, האָט ער דערביי ניט געבראַכט אַ באַווייז פון די נסים ביי יציאת מצרים און אין מדבר, נאָר ער האָט געזאָגט סתם, „עלה נעלה וירשנו אותה" (מיר וועלן אַרויפגיין און זי (די לאַנד) ירש'נען). ולכאורה, האָט ער דאָך צום אַלעם ערשטן גערארפט אויפווייזן אַז די אידן האָבן ניט וואָס צו שרעקן זיך פאַר דעם עז העם (שטאַרקן פאָלק) וואָס זיצט אין כנען, דורך די נסים פון מצרים און מדבר.

ב. מען קען עס ניט פאַרענטפערן דערמיט, אַז דער נצחון איבער פרעה איז ניט קיין באַווייז אַז דאָס זעלבע וועט זיין ביי די איין און דרייסיק מלכים פון כנען, ווייל זיי זיינען געווען חזקים וגבורים [6] — וואָרום אין שירת הים האָבן דאָך אַלע אידן געזונגען „נמגו כל יושבי כנען" [7], אַז דער נצחון פון די אידן אין מלחמת מצרים האָט אנגעוואָרפן אַ גוואַלדיקע שרעק אויך אויף אַלע יושבי כנען. און די שרעק איז דאָך געווען אַזוי גרויס, אַז פערציק יאָר שפּעטער, ווען די מרגלים וואָס יהושע האָט געשיקט זיינען געקומען קיין יריחו, האָבן זיי געהערט ווי דאָס וואָס „הוביש ה' את מי ים סוף" [8], די נסים פון קריעת ים סוף, מאַכן צעגיין פון שרעק די הערצער פון די יושבי כנען. איז דאָך אַוודאי, אַז בעת משה רבינו האָט געשיקט די מרגלים, וואָס דאָס איז דאָך געווען נאָענט צו יציאת מצרים און קריעת ים סוף, האָבן די אידן געוויס גערארפט זיין זיכער ביי זיך אַז זיי וועלן מנצח זיין די ל"א מלכים.

נאָך מערער: עס שטייט אין גמרא [9], אַז די אומה צו וועלכער די אידן זיינען משועבד, מאַכט איר דער אויבערשטער פאַר דער שטאַרקסטער פון אַלע אומות, און אין דער צייט ווען די אידן זיינען געווען אין גלות מצרים האָט דעמאָלט מצרים געהערשט איבער דער גאַנצע וועלט [10]. קומט דאָך אויס אַז די ל"א מלכים זיינען גאָר דאַן געווען אונטערטעניק, אַזוי ווי אַלע פעלקער, צו מצרים — איז דאָך ממילא מובן, אַז נאָכן נצחון איבער מצרים האָבן די אידן ניט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך פאַר די מלכי כנען.

ג. עס שטייט אין חסידות [11], אַז דער טעם פאַרוואָס די מרגלים האָבן ניט געוואָלט אַריינגיין אין ארץ ישראל און געוואָלט פאַרבלייבן אין מדבר, איז ווייל זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן און דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט גשמיות.

זייענדיק אין מדבר, זיינען די אידן געווען אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון וועלט. אויך זייער גשמיות'דיקע אכילה ושתי' איז געווען העכער פון ארציות (ערדישקייט): דער מן איז געווען לחם מן

---

6) כדפרש"י במדבר יד, טז.

7) שמות טו, טו.

8) יהושע ב, י.

9) חגיגה יג, ב. מכילתא בשלח יד, ה. זהר שמות ו, א.

10) מכילתא וזהר שם.

11) לקו"ת ר"פ שלח.

השמים, מים — מבארה של מרים, און אפילו זייערע בגדים — וואס לבושים זיינען דאך אפגעטיילט, זאכן אויסער־לעכע פון דעם מענטשן, זיי ווערן ניט פאראיינציקט מיט עם צו ווערן דם ובשר כבשרו, ווי אכילה ושתי׳ — זיינען אויך מיטגעוואקסן מיט די אידישע גופים, כמרז״ל על פסוק[12] „שמלתך לא בלתה מעליך״.

אבער קומענדיק קיין ארץ ישראל, האט זיך אפגעשטעלט דער מן, און זיי האבן געדארפט עסן לחם מן הארץ, וואס בכדי צו באקומען דעם לחם מן הארץ דארף מען זיך פארנעמען מיט וועלט, מיט די מלאכות פון חרישה וזריעה וכו׳; אויך האבן זיי דאן ניט געהאט קיין מים מבארה של מרים אאז״וו.

דעריבער האבן די מרגלים ניט געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל, טענה׳נדיק, אז זי איז „אוכלת יושבי׳״, זי עסט־אויף די וואס באזעצן זיך אין איר, זיי ווערן אויך „ארץ״[13], נאר גשמיות, ניטא די רוחניות׳דיקע ענינים וועלכע מען קען האבן בעת מען איז אפגעשלאסן פון וועלט און מען איז פארנומען נאר מיט רוחניות, ביז אפילו דער גוף הגשמי שפייזט זיך און לעבט מיט לחם מן השמים, וואס איז מזכך דעם מענטשן ער זאל ווערן א כלי צו תורה, וואס דערפאר איז „לא ניתנה תורה לדרוש אלא לאוכלי המן״[14] (די תורה איז געגעבן געווארן נאר צו די וואס האבן געגעסן דעם מן).

דער אמת איז אבער אז די מרגלים האבן אין דעם געהאט א טעות: די גאנצע כוונה איז צו מאכן פאר דעם אויבערשטן כביכול א „דירה בתחתו־נים״[15] — האבן צו טאן מיט וועלט און מאכן פון איר א כלי צו אלקות. און דער זיין פון די אידן אין מדבר איז געווען בלויז א הכנה צו דער „דירה בתחתונים״, וואס מען האט געמאכט קומענדיק אין ארץ ישראל[16].

ד. לויט דעם ווערט פארענטפערט וואס ניט קוקנדיק אויף די אלע נסים גלויים ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף, און אויך די נסים גלויים וואס זיינען געווען אין מדבר, האבן די מרגלים געטענה׳ט „כי חזק הוא ממנו״:

**זיי האבן געזאגט, אז פון די נסים און דעם נצחון שלמעלה מן הטבע וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר, זייענדיק אויסגעטאן פון ענינים אר־ציים, איז ניט קיין ראי׳ אויף דער צייט** און דעם סדר והנהגה וועלכע זיינען פארבונדן מיט ארץ ישראל, ווען עס פאדערט זיך די עבודה פון „ארץ נושבת״, פון זיין אנגעטאן בהתיישבות אין וועלט. אין מדבר, אז מען האט צו טאן מיט הימל־זאכן, האבן דארט אן ארט נסים שלמעלה מהטבע; בשעת אבער עס הויבט זיך אן א סדר עבודה פון „ארץ נושבת״, איז דאן די הנהגה פון אלע עניני העולם על־פי טבע (ווי ס׳איז טאקע — אין כמה ענינים — גליך געווארן בפועל: ס׳האט אויפ־געהערט דער מן, דער בארה של מרים,

---

12) דברים ח, ד. יל״ש שם. הובא ברש״י שם.

13) וזהו דיוק הל׳ „אוכלת״ דוקא (ולקמן „לחמנו״) — כי ענין „אכילה״ הוא שהנאכל נעשה כמו האוכלו ממש, „דם ובשר כבשרו״.

14) נסמן לעיל ע׳ 1036 הערה 12.

15) נסמן בלקו״ש ח״ג ע׳ 988 הערה 7.

16) כי עיקר העבודה בארץ ישראל הוא קיום המצות מעשיות (וגם העבודה בעשי׳ דרשות — בכל דרכיך דעהו), משא״כ במדבר. (וגם הזיכוך שעל ידי המן הוא בעיקרו בנוגע לתורה). והוא ע״ד תלמוד גדול שהוא הכנה ומביא לידי מעשה.

די ענני הכבוד א.ז.וו.) — און לויט דער הנהגה, קען מען ניט מנצח זיין די „ילידי הענק", וואס זיינען בטבע שטאַרקער פון די אידן.

און דאס איז געווען זייער טענה: „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו". אודאי האָבן זיי גע־וואוסט און נאָכמער — געזעען אַז דער אויבערשטער איז דער „בעל הבית" אויף דער גאַנצער וועלט און קען מיט איר טאָן וואס ער וויל, ס'איז „כליו" — זיינע כלים; זיי האָבן אָבער געמיינט, אַז בכדי „להוציא את כליו" — אַרויסנעמען די ניצוצות וועלכע געפינען זיך אין גשמיות פון ארץ כנען און מעלה זיין זיי צו קדושה — קען עס זיין נאָר אויב מען איז ניט אין וועלט און די הנהגה איז העכער פון וועלט (מדבר און אַ מדבר־הנהגה). אָבער אַז די וועלט זאָל בלייבן וועלט, מיט אַלע אירע טבע־געזעצן, און דאָך זאָל זי ווערן אַ כלי צו אלקות, אויף דעם — האָבן זיי געהאַלטן — האָט זיך דער אויבערשטער געמאַכט פאַר אויס בעל הבית ח"ו: אויב די וועלט פירט זיך לויט דעם בעל־הבית (אויבערשטנס) רצון אין אַ הנהגה פון טבע, ווי קענען דאָרט האָבן אָן אָרט נסים — היפך פון טבע?

און אויף דעם האָבן געענטפערט כלב און יהושע: „אם חפץ [17] בנו ה'". וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז פנימיות רצונו אַז מיר זאָלן דאָרט אויספירן זיין כוונה פון דירה בתחתו־נים — איז „לחמנו הם וגו' וה' אתנו אל תראום", מיר האָבן ניט וואס צו נתפעל ווערן און מורא האָבן פון וועלט, ווייל כאָטש אַז וועלט בלייבט טאָקע אין גדר הטבע, איז אָבער דער אויבערשטער אַלע מאָל מיט אידן און ער גיט זיי אין טבע גופא אַ הצלחה למעלה מן הטבע צו מאַכן פון וועלט לחמנו [17] — „דם ובשר כבשרו" ווי מיר זיינען יעצט במדבר, ושכנתי בתוכם, אַ כלי צו אלקות.

17) פנימיות הרצון (של בעה"ב) ששולט על רצון.

ה. באמת זיינען די נסים וואס זיינען אָנגעטאָן אין דרכי הטבע נאָך העכער ווי די נסים גלוים שלמעלה מהטבע [18]. די נסים וואס זיינען העכער ווי טבע, ווייזן ווי אלקות איז ניט באַגרענעצט ח"ו אין הגבלות הטבע, ער קען ברעכן די טבע; אָבער די נסים וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין טבע ווייזן ניט בלויז אַז אלקות איז ניט מוגבל אין טבע, נאָר אויך אַז ער איז ניט מוגבל אין דער הגבלה פון למעלה מהטבע. ער איז העכער סיי פון טבע און סיי פון למעלה מהטבע, און דערי־בער קען ער זיי ביידן מחבר זיין, אַז טבע און למעלה מהטבע זאָלן זיין צוזאַמען.

אָט דער גילוי איז בעיקר געווען אין קדשי קדשים. דאָרט איז געווען דער חיבור פון מקום מיט למע' מן המקום: דער „מקום הארון" וואס איז געווען מדוד מיט דער מאָס על־פי תורה פון ארון — „אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו" — איז אָט דער מקום מוגבל אַליין געווען „אינו מן המדה [19]", ער האָט ניט פאַרנומען קיין אָרט אין קדשי קדשים; ס'איז געווען דער חיבור פון מקום ובלי מקום כאחד [20].

18) תורה אור מג"א ק, א.

19) יומא כא, א וש"נ.

20) בחינה זו דחיבור גבול ובלי גבול, הוא מצד העצמות, נמנע הנמנעות. ולכן במקדש כתיב (בראשית כח, טז) אכן יש הוי' במקום הזה, דהוי' הוא שם העצם. וזהו ג"כ מה שאמרו כלב ויהושע (במדבר

און בכדי אַז אידן זאָלן אָט דאָס אויפטאָן אין וועלט האָבן זיי געדאַרפט אַריינגיין אין ארץ ישראל. אין מדבר איז געווען למעלה מן הטבע, אָבער אין ארץ ישראל האָט זיך דורכגעפירט דער חיבור פון טבע מיט למעלה מהטבע צוזאַמען. דאָס איז אויך דער טעם, וואָס די בקיעה פון ירדן — די התחלה פון דעם אַריינגיין אין ארץ ישראל — איז געווען דורך דעם ארון [21], ווייל דאָס זיין אין ארץ ישראל און ענין הארון איז די זעלבע זאַך [22] — חיבור פון טבע און העכער פאַר טבע [23].

ו. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דעם לשון פון כלב'ס ענטפער: „עלה נעלה וירשנו אותה". דער לשון „עלה נעלה" ווייזט אויף צוויי פאַרשידענע סוגים פון עליות. ניט צוויי עליות וואָס בידע זיינען אין זעלבן סוג, וואָרום אויב אויך די צווייטע עלי' איז אין זעלבן סוג און איז בערך צו דער ערשטער, איז עס נאָך אַלץ אין דעם כלל פון דער ערשטער עלי' [24]) און מ'קען עס ניט רופן אַ צווייטע עלי'. „עלה נעלה" מיינט צוויי סוגים עליות. און דערמיט האָט כלב מרמז געווען, אַז קומענדיק אין ארץ ישראל וועט מען צוקומען צו אַ נייעם סוג עלי'. ניט בלויז די עלי' צו העכער פון טבע (ווי אין מדבר), נאָר אויך צו העכער פון למעלה מן הטבע [25]).

און דאָס איז אויך וואָס ער איז מסיים „וירשנו אותה": ירושה באַדייט אַז דער יורש שטעלט זיך אַוועק אין דעם אָרט פון דעם מוריש ממש. ביי מכירה און מתנה גייט טאַקע איבער דער חפץ פון דעם מוכר און דעם נותן צו דעם לוקח ומקבל, אָבער זיי שטעלן זיך ניט במקום המוכר והנותן, ד.ה. אַז זיי נעמען ניט די עצמיות פון מוכר און נותן. אַנדערש איז ביי ירושה: דער יורש איז עומד במקום המוריש ממש [26]), ער נעמט די עצמיות פון דעם מוריש. און דאָס מיינט „וירשנו אותה": דורך דער כניסה אין ארץ ישראל, „ארץ נושבת", און פאַרנעמען זיך מיט ענינים גשמיים בכדי צו מאַכן

---

יד, ט) והוי' אתנו אל תיראום, וכשלא הי' להם כח זה כתיב (שם מב־מג) אל תעלו כי אין הוי' בקרבכם. ולא יהי' הוי' עמכם. וכן גם בענין הארון (ראה הערה 22) כתיב (שם מד) וארון ברית הוי' (משיחת ש"פ קרח תשכ"ב).

21) יהושע ד, ז. ועד"ז בכיבוש יריחו נגרא של א"י (במדב"ר פט"ו, טו) ושקולה כנגד כל א"י (יל"ש ליהושע ב, א) הי' צ"ל „ויסב ארון ה' גו'" (יהושע ו, יא ואילך).

22) וזהו שכתוב בסיום פרשת המרגלים: וארון ברית הוי' גו' לא משו מקרב המחנה, שהארון — הכח לכניסה בארץ ישראל — ניטל אז מהם.

23) גם קי"ס הוא ענין חיבור טבע ולמעלה מהטבע (ולכן נאמר בזה הלשון קשה — ראה ד"ה החדש תרנ"ד, נדפס תשכ"ג). אבל אחרי קי"ס נפסקה המשכה זו; מעלת בקיעת הירדן הוא שע"י הבקיעה (וגם מצד בחי' ירדן עצמו — ראה לקו"ת מסעי צא, א) ניתן הכח לחבר טבע ולמעלה מהטבע גם אח"כ (אך מ"מ נאמר לשון קשה בקי"ס דוקא, כי שרש כל הבקיעות הוא מקי"ס, אלא שנתגלה ענינם אח"כ).

24) ועי"ד מה שהמלאכים נקראים עומדים, אף שעולים בשיר כו' — לפי שעלייתם הוא בהדרגה. וראה תו"א ואוה"ת ר"פ שמות.

25) ואז גם העלי' הא' נשתנית למעליותא (ועי"ד המבואר לקמן ע' 1211 סעיף טו בפעולת הקב"ע על ההשגה). ולכן על הכניסה לא"י אומר ב' פעמים עלי'. וק"ל. וזהו ג"כ מה שכתוב טובה הארץ מאד מאד ב' פעמים. וראה לקו"ת שלח לז, א. לח, ג.

26) ראה ב"ב סה, א. זבחים ד, ב (שינוי בעלים לאחר מיתה). שו"ת צפנת פענח דווינסק ח"א סקי"ח. ווארשא ח"ב סקי"ח.

פון זיי כלים צו אלקות. ווערט דער „נעמען וועלט" אין אַן אופן פון ירושה. מען נעמט עצמות אלקות.

ז. די הוראה פון פרשת המרגלים אין עבודה:

ביי יעדער אידן זיינען פאַראַן אין זיין לעבן די צוויי תקופות — מדבר און ארץ ישראל. און אַזוי אויך — יעדער טאָג. אין אָנהויב פון טאָג איז אַ איד פאַרנומען מיט דאַוונען, לערנען אַ שיעור בתורה נאָכן דאַוונען, וכדומה, און ער האָט ניט צו טאָן מיט גשמיות. כאָטש אַז די מצות פון ציצית און תפילין וואָס ער טראָגט זיינען דאָך אָנגעטאָן אין דברים גשמיים, האָט ער דאָ אָבער ניט צו טאָן מיטן מיצר והגבלה פון וועלט, כמובן; אָבער נאָכן דאַוונען און לערנען דאַרף ער זיך פאַרנעמען מיט וועלט־זאַכן, אין די עסקים פון עניני הרשות, און טאָן די עבודה פון „בכל דרכיך דעהו".

קען ער דאָך טענה'ן: מילא בשעת לימוד התורה, בעת ער לערנט חכמתו ורצונו של הקדוש ברוך הוא, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָ איז פאַראַן נאָר דער אויבערשטער און ער; על אחת כמה וכמה בשעת התפלה, ווען ער שטייט בתכלית הביטול צו אלקות, איז דאַן אפילו זיין ער, זיין מציאות, אויך ניטאָ, דאָ איז פאַראַן נאָר דער אויבערשטער אַליין. בשעת אָבער ער איז פאַרנומען בעניני הרשות, אין ענינים פון עולם לשון העלם והסתר [27], און תורה אַליין פאָדערט ביי אים „תעשה", ער זאָל זיך פירן לויטן סדר העולם — איז ווי קען ער פועל'ן ביי זיך אַז זייענדיק אין סדר העולם, זאָלן די ענינים הגשמיים ביי אים ניט פאַרנעמען קיין אָרט, ער זאָל ניט האָבן אין זיי קיין געשמאַק און נוצן זיי בלויז צו עבודת ה'? אדרבה — טענה'ט ער — בעת ער איז פאַרנומען רוב היום מיט עניני העולם, איז ניט נאָר וועט ער ניט קענען פועל'ן ביי זיך צו זיין אַ גאַנצן טאָג ווי ס'דאַרף צו זיין, נאָר נאָך מער: „ארץ (איז) אוכלת יושבי'"; דאָס וועט אים מבלבל זיין און שטערן אויך אין דער צייט פון זיין תורה ותפלה, אַז אויך דעמאָלט וועלן אים אַריינפאַלן מחשבות זרות פון זיין פאַרטראַגנקייט אין עניני העולם אַ גאַנצן טאָג.

אויף דעם זאָגט מען אָן, אַז דאָס איז געווען די טענה פון די מרגלים: זיי האָבן געהאַלטן, אַז אויב מען האָט צו טאָן מיט וועלט און מ'געפינט זיך אין אַ סדר פון וועלט, איז „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו". דער אמת איז אָבער, אַז קיום התורה ומצוות דאַרף זיך דורכפירן אין אַ סדר פון טבע [28], און ניט קוקנדיק אויף די הגבלות הטבע — אויב נאָר „חפץ [29] בנו ה'", מען גייט אין וועלט בשליחותו ובחפצו של הקדוש ברוך הוא [30] — האָט מען דעם כח, דורך דעם ארון וואָס ער איז גאַנץ אויך איצטער — ס'איז מער ניט וואָס „נגנז" [31] אָבער ער איז אויך איצטער בשלימותו — צו מייחד זיין טבע מיט למעלה מן הטבע און מאַכן בתחתונים אַ דירה לו יתברך.

ח. עס שטייט אין קבלה און עס ווערט געבראַכט אין לקוטי תורה [32],

27) לקו"ת במדבר לז, ד.

28) ראה שיחת י"ט כסלו תרצ"ב (לקו"ד ח"ד תשנג, א).

29) פנימיות הרצון. וראה תניא פכ"ב־כג.

30) ראה תהלים לז, כג. „היום יום" יו"ד תמוז.

31) כריתות ה, ב. וש"נ.

32) שלח לח, ב.

אַז די מרגלים האָבן געוואָלט זיין אין עולם המחשבה און ניט געוואָלט אַראָפּקומען אין דיבור. נאָך אַ דיעה איז [33]), אַז אויך אויף עולם הדיבור האָבן זיי מסכים געווען, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט אַראָפּקומען אין מעשה.

דער חילוק צווישן מחשבה און דיבור איז: מחשבה איז פאַר זיך אַליין און דיבור איז אַז מען וויל אויפטאָן אין אַ צווייטן. דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער אויפטו פון דער עבודה אין ארץ ישראל אויף דער עבודה אין מדבר באַשטייט ניט נאָר אין דעם אַז עס מוז זיין די עבודה אין קיום המצוות ווי זיי זייגען אַנגעטאָן אין דברים גשמיים (ניט בלויז אין תורה אַליין), און אויך די עבודה פון בכל דרכיך דעהו (ווי פריער גערעדט) — דאָס אַלעס קען זיין אין אַ אופן אַז ער טוט נאָר מיט זיך; און כל־זמן אַ איד טוט נאָר מיט זיך אַליין, כאָטש ער פאַרנעמט זיך טאַקע אויך מיט דברים גשמיים, איז עס נאָך אַלץ מדבר, עולם המחשבה — דער אויפטו פון ארץ ישראל איז: עבודה מיטן זולת, אָפּגעבן זיך מיט אַ צווייטן אידן און מאַכן אים פאַר אַ תורה־ומצות־איד.

קען דאָך דער יצר הרע טענה'ן: אויב איך וועל זיך אָפּגעבן מיט אַ צווייטן און פועל'ן אויף אים, וועל איך זיך זיכער פילען העכער פון עם (ובפרט אַז יענער וועט מיר פאַר דעם אָפּדאַנקען, אָפּגעבן כבוד און משבח זיין), וועט איך דורך דעם אַ מציאות ויש, וועל ח"ו אַריינפאַלן אין גאוה, מקור כל המיני רע [34]); איז דאָך גלייכער אַז איך זאָל זיין אָפּגעשלאָסן פאַר זיך. איז דער ענטפער אויף דעם: דאָס איז געווען טענת המרגלים, וואָס האָבן געזאָגט „ארץ אוכלת יושבי' היא". דער אמת איז אָבער, אַז „אם חפץ בנו ה'", אויב מען טוט עס בכדי צו דורכפירן דעם אויבערשטנס חפץ, איז ניט נאָר וואָס עס קומט ניט אַרויס דערפון קיין ירידה, נאָר אדרבה — „עלה נעלה".

קען דאָך אָבער דער יצר הרע טענה'ן: אמת טאַקע אַז מען דאַרף טאָן אויך מיט אַ צווייטן, ס'איז אָבער גענוג אַז איך זאָל משפיע זיין אויף אַזאַ וואָס איז בערכי, אין מיין ערך, און איך דאַרף ניט אַראָפּלאָזן זיך צו מציל זיין אַזאַ וואָס איז לגמרי נידע־ריקער פון מיין סוג, וואָרום דורך האָבן צו טאָן מיט גאָר נידעריקע מענטשן קען איך גאָר ח"ו אַליין באַ־ווירקט ווערן פון זייער נידעריקייט.

איז דאָ נאָך אַ הוראה פון פרשת המרגלים, אַז אויך דיבור איז ווייניק און עס מוז זיין דוקא מעשה. דער חילוק צווישן דיבור און מעשה איז: דיבור איז טאַקע צו אַ זולת, אָבער צו אַ זולת שבערכו, מ'קעןריידן נאָר צו אַ מדבר, צו אַ מענטשן און צו אַזאַ וואָס הערט, פאַרשטייט די שפּראַך א.ז.וו. משא"כ מעשה פועל'ט אפילו אין אַ דומם. אַט־די הוראה, אַז ס'מוז זיין מעשה, לערנט אונז אַז מען דאַרף זיך אָפּגעבן צו מקרב זיין אַפילו אַזאַ אידן וואָס איז לגבי אים אין אַ בחינת דומם, און דוקא דורך דעם קומט מען צו צו דער אמיתית העלי' — „עלה נעלה וירשנו אותה".

(משיחות ש"פ שלח תשכ"ב)

---

33) שם לח, ג. ועיין ג"כ שם לז, א.

34) תו"א סג, א (ובכ"מ בדרושי ביאור ראשית גוים עמלק). לקו"ת שה"ש יד, ד.

# קורח

א. עס שטייט אין סדר עולם [1], אַז די מחלוקת פון קרח ועדתו אויף משה ואהרן איז פאָרגעקומען נאָך דער מעשה המרגלים (און ברענגט אויף דעם אַ ראי' פון דער טענה פון דתן ואבירם: „אף לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאותנו וגו'", אַז משה רבינו האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים צו אומ־ברענגען זיי אין מדבר כו', וואָס די טענה באַווייזט, אַז דעמאָלט איז שוין געווען נאָך דער גזירה „במדבר הזה יתמו") [2].

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט קרח אָפּגעוואַרט מיט זיין מחלוקת ביז דאַן? דער ציווי פון דעם אויבערשטן, אַז מען זאָל צונעמען די עבודה פון די בכורים און זי איבערגעבן צו אהרן ובניו, איז געווען בשעת מתן תורה אָדער משהוקם המשכן [3], לכל הדעות איז כהונה גדולה דאהרן — וואָס האָט אַרויסגערופן די מחלוקת קרח — געווען בפועל בשמיני למילואים [4], (ד.ה. ששי בסיון מיט אַ יאָר פריער, כ"ג אדר, אָדער ראש חדש ניסן), אָבער מעשה המרגלים איז געווען אַ סך שפּעטער, און איז פאַרענדיקט געוואָרן ערשט אין תשעה באב — איז פאַרוואָס האָט קרח ניט געקריגט אויף משה ואהרן ביז נאָך דער מעשה המרגלים?

אפילו אויב מ'זאָל זאָגן, אַז דער עיקר המחלוקת פון קרח'ן איז געווען איבער דעם וואָס אליצפן בן עוזיאל איז נתמנה געוואָרן פאַר אַ נשיא אויף די בני קהת [5], איז דאָך אויך די התמנות פון אליצפן געווען אַ סך פריער — בעת מען האָט געציילט די לויים (וואָס מנין בני ישראל איז געווען אָנהויב חודש אייר) — אָבער קרח האָט זיין מחלוקת אָנגעהויבן ערשט נאָך תשעה באב. מוז מען זאָגן, אַז מחלוקת קרח האָט געהאַט אַ פאַר־בונד מיט מעשה המרגלים.

ב. די טענה פון די מרגלים — ווי שוין גערעדט [6] — איז געווען, אַז מען דאַרף זיין אָפּגעזונדערט פון וועלט; און דעריבער האָבן זיי געוואָלט אידן זאָלן בלייבן אין מדבר, בכדי אַז וועלט זאָל זיי ניט שטערן צו זייער דביקות מיט דעם אויבערשטן דורך לימוד התורה. אָבער משה רבינו האָט זיי געענטפערט, אַז המעשה הוא העיקר און דער תכלית העילוי איז דוקא דורך מעשה המצוות בגשמיות.

דער חילוק צווישן תורה און מצוות איז: אין תורה, וואָס איר ענין איז דאָך הבנה והשגה, זיינען פאַראַן פאַר־שידענע מדריגות: איינער האָט אַ קלענערע השגה און איינער האָט אַ גרעסערע השגה; מה־שאין־כן אין מעשה המצוות, זיינען אַלע אידן גלייך: די מעשה הנחת תפילין וואָס משה רבינו האָט מקיים געווען איז געווען די זעלבע מעשה וואָס עס טוט אַ איש פשוט. חילוקים זיינען דאָ אין

1) רבא פ"ח. הובא ברשב"ם ותוס' בבא בתרא קיט, א.
2) שלח יד, לה.
3) זבחים קטו, ב. וראה בחיי לשמות יט, כב.
4) ירושלמי יומא פ"א, ה"א.
5) במדב"ר ותנחומא ר"פ קרח. הובא ברש"י שם.
6) ראה לעיל ע' 1042 ואילך.